# דעם רבינ'ס מעשיות

ספּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת
בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ

**מעשה ג'**
**מחיגר (3)** סוף
**גליון 50**

**שַׁבַּת שָׁלוֹם יְלָדִים יְקָרִים!**

**בְּהֶמְשֵׁךְ הַמַּעֲשֶׂה הַשָּׁבוּעַ**, רַבֵּנוּ מְסַפֵּר עַל הַשְּׁנֵי אֶלֶף הָרִים, שֶׁשָּׁם נִמְצָאִים הַשֵּׁדִים. לְהַרְבֵּה אֲנָשִׁים זֶה נוֹשֵׂא שֶׁהוּא מֵעֵבֶר לַהֲבָנָה, וְלֹא מְדַבְּרִים מִזֶּה כְּלָל, אַךְ אִם רַבֵּנוּ זַ"ל מְדַבֵּר וּמַאֲרִיךְ בָּזֶה, זֶה בְּוַדַּאי לֹא סְתָם.

בִּמְקוֹמוֹת אֲחֵרִים רַבֵּנוּ קוֹרֵא לַשֵּׁדִים: הֲלֹא טוֹב, **"דִּי נִישְׁט גוּטֶע"**, אֶפְשָׁר לוֹמַר שֶׁזֶּה כָּל הָעִנְיָן שֶׁלָּהֶם שֶׁבְּמַהוּתָם הֵם אֵינָם טוֹבִים, לְהֶפֶךְ מִיהוּדִי, כִּי זֶה יָדוּעַ שֶׁכָּל יְהוּדִי הוּא טוֹב בְּמַהוּתוֹ הַפְּנִימִית, כְּמוֹ שֶׁה' הוּא טוֹב לַכֹּל, וְהַתּוֹרָה טוֹבָה הִיא מִכָּל סְחוֹרָה, אָז גַּם עַם יִשְׂרָאֵל הוּא טוֹב, **כִּי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וְאוֹרַיְתָא וְיִשְׂרָאֵל חַד הוּא**, (זֶה דָּבָר אֶחָד), עַל כֵּן בָּרוּר מֵעַל כָּל סָפֵק, שֶׁכָּל יְהוּדִי הוּא טוֹב, וְיֵשׁ בּוֹ נְשָׁמָה שֶׁחֲצוּבָה מִתַּחַת כִּסֵּא הַכָּבוֹד, וּמַה שֶּׁרוֹאִים שֶׁלִּפְעָמִים אֲנָשִׁים מִתְנַהֲגִים לֹא טוֹב, זֶה כִּי הֵם עוֹשִׂים **מַעֲשִׂים** לֹא טוֹבִים, **וּבָזֶה הֵם מְכַסִּים וּמַסְתִּירִים אֶת הַטּוֹב שֶׁלָּהֶם**, אַךְ זֶה לֹא מִי שֶׁהֵם בֶּאֱמֶת, רַק הַטּוֹב שֶׁלָּהֶם נִמְצָא בַּגָּלוּת, וְכָבוּשׁ בַּתַּאֲווֹת וּבַמִּדּוֹת הָרָעוֹת שֶׁל אֻמּוֹת הָעוֹלָם.

אַךְ מוּל הַטּוֹב הַנִּפְלָא הַזֶּה שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי, יֵשׁ אֶת הֲלֹא טוֹב, שֶׁזֶּה הַס"מ הַקְּלִפּוֹת הַשֵּׁדִים וְהַמַּזִּיקִים, שֶׁהֵם לֹא טוֹבִים בְּמַהוּתָם, וְכָל עִנְיָנָם זֶה רַק לַהֲרֹס וּלְהַזִּיק ח"ו. כְּמוֹ שֶׁרַבֵּנוּ מְסַפֵּר, שֶׁהֵם עוֹשִׂים לֵיצָנוּת מִי הִזִּיק יוֹתֵר, וְכַדּוֹמֶה, וְאֵין שׁוּם תִּקְוָה לְאַחֲרִיתָם, כִּי סוֹפָם יִהְיֶה **"וְלֹא נִשְׁאַר מֵהֶם כְּלָל, וְנַעֲשׂוּ כְּלֹא הָיוּ, אָמֵן"**,

לֹא כֵן אֲנַחְנוּ, עַם יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים, שֶׁהַטּוֹב שֶׁלָּנוּ הוּא אֲמִתִּי וְנִצְחִי, וְיֵשׁ לָנוּ תִּקְוָה יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, כִּי בֶּאֱמֶת בִּפְנִימִיּוּתֵנוּ יֵשׁ בָּנוּ טוֹב, וְכָל הָרַע זֶה רַק כְּמוֹ לִכְלוּךְ שֶׁנֶּאֱחָז בָּנוּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּלִיקוּ"מ ע"ח תִּנְיָנָא: **"וְאֵיךְ שֶׁהוּא, אֲפִלּוּ אִם נָפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל, רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֵאַחַר שֶׁמְּחַזֵּק עַצְמוֹ בְּמַה שֶּׁהוּא, עֲדַיִן יֵשׁ לוֹ תִּקְוָה לָשׁוּב וְלַחֲזֹר אֵלָיו יִתְבָּרַךְ"**.

**וְאֵיךְ אֶפְשָׁר לְהִשָּׁמֵר מֵהַלֹּא טוֹב שֶׁלֹּא יַזִּיק לָנוּ?** עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, שֶׁהִיא עֵץ חַיִּים לַמַּחֲזִיקִים בָּהּ. הַתּוֹרָה הִיא הָאִילָן שֶׁכָּל כָּךְ מְאַיֵּם עַל הַשֵּׁדִים, כְּמוֹ שֶׁרַבֵּנוּ מְסַפֵּר: **"וְיֵשׁ אִילָן, שֶׁאִם הָיָה אוֹתוֹ הָאִילָן נִשְׁקֶה - לֹא הָיָה נִשְׁאָר מִמֶּנּוּ כְּלוּם"**. הַתּוֹרָה מַדְרִיכָה אוֹתָנוּ בְּחַיֵּי הַיּוֹם יוֹם, אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בְּכָל דָּבָר, שֶׁהַשֵּׁדִים וְהַקְּלִפּוֹת לֹא יִהְיֶה לָהֶם שְׁלִיטָה עָלֵינוּ כְּלָל. כָּל הֲלָכָה, כָּל לִמּוּד בַּתּוֹרָה זֶה שְׁמִירָה. הַנֶּעגְל וַואסֶער בַּבֹּקֶר, הַתְּפִלָּה, כָּל בְּרָכָה וְדִבּוּר שֶׁל קְדֻשָּׁה, זֶה הוֹרֵג אֶת הַקְּלִפּוֹת. לָכֵן הֵם עוֹמְדִים וְחוֹפְרִים יוֹם וָלַיְלָה שֶׁלֹּא יַגִּיעַ מַיִם לָאִילָן, **כִּי אִם יִפְרַח אִילַן הַחַיִּים, שֶׁזֶּה הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, יָמוּתוּ הֵם...**

אֶת הַפְּגִיעָה וְהַנֶּזֶק שֶׁל הַשֵּׁדִים לַבְּרִיּוֹת, מְכַנֶּה רַבֵּנוּ: **"לֵיצָנוּת"** שֶׁהִיא קְלִפָּה אֲיוּמָה וְנוֹרָאָה, כִּי הַלֵּיצָנוּת גּוֹרֶמֶת שֶׁדִּבְרֵי הַתּוֹרָה לֹא יִכָּנְסוּ לַלֵּב, **וְהַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּים** מַזְהִירִים אוֹתָנוּ לְהִתְרַחֵק מִכָּל מִינֵי לֵצִים, שֶׁזֶּה אוּלַי מְעַנְיֵן וּמַצְחִיק בְּאוֹתוֹ רֶגַע לִשְׁמֹעַ אֶת דִּבְרֵיהֶם, אַךְ הַנֶּזֶק הַנִּגְרָם מִדִּבְרֵי לֵיצָנוּת אִי אֶפְשָׁר לְתָאֵר, שֶׁזֶּה עִקַּר דַּרְכָּם שֶׁל הַשֵּׁדִים שֶׁעוֹשִׂים לֵיצָנוּת.

**ה' יִתְבָּרַךְ יְזַכֵּנוּ** לִדְבֹּק בְּדֶרֶךְ **הַתְּמִימוּת, כְּמוֹ הַתָּם**, שֶׁדַּרְכּוֹ הָיָה לוֹמַר: **"רַק בְּלִי לֵיצָנוּת"**. וְנִזְכֶּה לָלֶכֶת בְּדַרְכֵי **הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה**, וְלֹא נָסוּר מִמֶּנָּה יָמִין וּשְׂמֹאל, **אָמֵן.**

שַׁבַּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ!



## סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

# מַעֲשֶׂה ג – מֵ'חִגֵּר'

**[פֶּרֶק ה] הֶ'חָכָם' / הַ'שֵּׁדִים' אֵינָם מַנִּיחִים לְהַשְׁקוֹת הָ'אִילָן' / הַ'מְדַבְּרִים' / עוֹשִׂים 'לֵיצָנוּת' / הָ'עִגּוּל' / הַ'סֵּפֶר שֶׁל הַשֵּׁדִים' / רַק 'אֱמוּנָה'**

**[א] פַּעַם אֶחָד הָיָה חָכָם אֶחָד! – וְהַ'קֵּיסָר' מֵהַ'מְּדִינָה'** [שֶׁהָיָה גָּר שָׁם אוֹתוֹ הֶ'חָכָם'], **הָיָה 'אֶפִּיקוֹרֵס גָּדוֹל'! וְעָשָׂה אֶת 'כָּל הַמְּדִינָה' לְ'אֶפִּיקוֹרְסִים'!**

**וְהָלַךְ** [אוֹתוֹ] **הֶ'חָכָם' – וְקָרָא אֶת כָּל 'בְּנֵי־מִשְׁפַּחְתּוֹ', עָנָה וְאָמַר לָהֶם:**

**"הֲלֹא אַתֶּם רוֹאִים: שֶׁהַ'קֵּיסָר' הוּא 'אֶפִּיקוֹרֵס גָּדוֹל', וְעָשָׂה אֶת כָּל הַמְּדִינָה** [לְ]**'אֶפִּיקוֹרְסִים' – וּקְצָת מִ'מִּשְׁפַּחְתֵּנוּ', עָשָׂה גַּם־כֵּן לְ'אֶפִּיקוֹרְסִים'. בְּכֵן: נִבְרַשׁ** [עַצְמֵנוּ] **אֶל הַמִּדְבָּר, כְּדֵי שֶׁנִּשָּׁאֵר בְּהָאֱמוּנָה בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ"!**

**וְהִסְכִּימוּ עִמּוֹ** [וְנִתְרַצּוּ לַדָּבָר הַזֶּה]**!**

**וְאָמַר הֶ'חָכָם' 'שֵׁם'** (הַיְנוּ: שֶׁהִזְכִּיר אֵיזֶה 'שֵׁם' מִן הַ'שֵּׁמוֹת')**, וְהֵבִיא אוֹתָם אֶל הַ'מִּדְבָּר'! – וְלֹא הוּטַב בְּעֵינָיו 'אוֹתוֹ הַמִּדְבָּר'!**

**וְאָמַר** [שׁוּב] **'שֵׁם', וְנָשָׂא אוֹתָם אֶל מִדְבָּר אַחֵר! – וְלֹא הוּטַב בְּעֵינָיו גַּם־כֵּן** ['אוֹתוֹ הַמִּדְבָּר הָאַחֵר']**!**

**וְאָמַר עוֹד** [עוֹד פַּעַם] **'שֵׁם', וְהֵבִיא אוֹתָם אֶל הַ'מִּדְבָּר אַחֵר'! – וְהוּטַב בְּעֵינָיו!**

**וְ'אוֹתוֹ הַמִּדְבָּר', הָיְתָה סְמוּכָה אֶל הַ'שְּׁנֵי־אֲלָפִים הָרִים'** [הַנַּ"ל – פֶּרֶק ב אוֹת ג; תְּחִלַּת פֶּרֶק ד]**!**

**וְהָלַךְ** ('אוֹתוֹ הֶחָכָם' הַנַּ"ל)**, וְעָשָׂה 'עִגּוּל' סְבִיבוֹתָם – שֶׁלֹּא יוּכַל שׁוּם אֶחָד לְהִתְקָרֵב אֲלֵיהֶם!**

**[ב] וְיֵשׁ 'אִילָן' – שֶׁאִם הָיָה 'אוֹתוֹ הָאִילָן' נִשְׁקֶה, לֹא הָיָה נִשְׁאָר מִמֶּנּוּ** (הַיְנוּ: מִן הַ'שֵּׁדִים')**, כְּלוּם! – עַל כֵּן עוֹמְדִים יוֹם וָלַיְלָה מֵאִתָּנוּ, שֶׁחוֹפְרִים** [הַקַּרְקַע מִסָּבִיב לְהָ'אִילָן']**, וְאֵינָם מַנִּיחִים 'מַיִם' לְהָ'אִילָן'!**

**וְשָׁאַל אוֹתוֹ** [הַ'שָּׁלִיחַ' מֵהֶ'עָנָן']**: "לָמָּה עוֹמְדִים יוֹם וָלַיְלָה** [לַחְפֹּר]**? כֵּיוָן שֶׁחוֹפְרִים פַּעַם אֶחָד לִמְנֹעַ הַמַּיִם, דַּי** [בָּזֶה – שֶׁלֹּא יוּכְלוּ הַמַּיִם לְהַגִּיעַ לְהָאִילָן]**?!**

**הֵשִׁיב לוֹ** [הֶ'עָנָן']**:** [בַּאֲשֶׁר] **שֶׁיֵּשׁ** [שֶׁנִּמְצָאִים] **בֵּינֵינוּ** [הַ'שֵּׁדִים'] **'מְדַבְּרִים'** [שֶׁמְּדַבְּרִים כָּל הַזְּמַן]**! – וְ'אֵלּוּ הַמְדַבְּרִים', הוֹלְכִים וְעוֹשִׂים מַחֲלֹקֶת בֵּין 'מֶלֶךְ זֶה' לְ'מֶלֶךְ אַחֵר'! – וְעַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה 'מִלְחָמָה'! – וְעַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה 'רְעִידַת־הָאָרֶץ'! – וְ**[עַל־יְדֵי־זֶה]**נוֹפֵל הָ'אֲדָמָה' שֶׁסְּבִיבוֹת** [מְקוֹם] **הַחֲפִירָה! – וְ**[עַל־יְדֵי־זֶה]**יוּכַל לָבוֹא מַיִם לְהָאִילָן! – עַל כֵּן עוֹמְדִים תָּמִיד לַחְפֹּר, כַּנַּ"ל"!**

**[ג]** [הֶ'עָנָן' מַמְשִׁיךְ לְסַפֵּר:] **וּכְשֶׁנַּעֲשֶׂה 'מֶלֶךְ' בֵּינֵינוּ, עוֹשִׂים לְפָנָיו כָּל הַ'לֵּיצָנוּת' וּשְׂמֵחִים! – זֶה** [הַ'שֵּׁד'] **מִתְלוֹצֵץ: "אֵיךְ הִזִּיק 'תִּינוֹק', וְהַ'יּוֹלֶדֶת' מִתְאַבֶּלֶת עָלָיו"! – וְזֶה** [הַ'שֵּׁד' הָאַחֵר] **מַרְאֶה 'לֵיצָנוּת' אֲחֵרוֹת! – וְכֵן כַּמָּה מִינֵי 'לֵיצָנוּת'!**

**וּכְשֶׁהַ'מֶּלֶךְ' בָּא בְּתוֹךְ הַשִּׂמְחָה** [שֶׁנַּעֲשָׂה שָׂמֵחַ מְאֹד] **– הוּא הוֹלֵךְ וּמְטַיֵּל עִם הַ'שָּׂרֵי־מְלוּכָה' שֶׁלּוֹ, וּמְנַסֶּה עַצְמוֹ לַעֲקֹר הָ'אִילָן'! – כִּי אִם לֹא הָיָה הָ'אִילָן' כְּלָל, הָיָה טוֹב לָנוּ מְאֹד!**

**וּמְחַזֵּק לִבּוֹ מְאֹד, כְּדֵי לַעֲקֹר הָ'אִילָן' כֻּלּוֹ! – וּכְשֶׁבָּא אֶל הָ'אִילָן', אֲזַי הָ'אִילָן' צוֹעֵק מְאֹד! – וַאֲזַי נוֹפֵל עָלָיו 'פַּחַד'! – וְחוֹזֵר לַאֲחוֹרָיו.**

**[ד]** [וּמַמְשִׁיךְ הֶ'עָנָן' לְסַפֵּר:] **פַּעַם אֶחָד נַעֲשָׂה מֶלֶךְ חָדָשׁ בֵּינֵיהֶם** [בֵּינֵינוּ הַ'שֵּׁדִים'] **– וְעָשׂוּ לְפָנָיו 'לֵיצָנוּת גְּדוֹלוֹת' כַּנַּ"ל – וּבָא בְּשִׂמְחָה גְּדוֹלָה – וְעָשָׂה לְעַצְמוֹ 'אַבִּירוּת־לֵב' מְאֹד – וְאָמַר: "לַעֲקֹר אֶת הָאִילָן כֻּלּוֹ לְגַמְרֵי"!**

**וְיָצָא לְטַיֵּל עִם שָׂרָיו – וְחִזֵּק לִבּוֹ מְאֹד, וְרָץ לַעֲקֹר הָאִילָן לְגַמְרֵי!**

**וּכְשֶׁבָּא אֵלָיו** [אֶל הָ'אִילָן']**, נָתַן** [הָ'אִילָן' עַל הַ'מֶּלֶךְ'] **קוֹל גָּדוֹל** [צְעָקָה גְּדוֹלָה]**! – וְנָפַל עָלָיו פַּחַד! – וְחָזַר לַאֲחוֹרָיו, וּבָא בְּכַעַס גָּדוֹל, וְחָזַר וְהָיָה הוֹלֵךְ!**

**[ה] בְּתוֹךְ־כָּךְ נִסְתַּכֵּל** [הַ'מֶּלֶךְ הֶחָדָשׁ' הַזֶּה]**, וְרָאָה: 'בְּנֵי־אָדָם' יוֹשְׁבִים!** (הַיְנוּ: הַ'כַּת אֲנָשִׁים' [מִשְׁפַּחְתּוֹ] שֶׁל הֶ'חָכָם' הַנַּ"ל [עִם הֶ'חָכָם'])**.**

**וְשָׁלַח** [הַ'מֶּלֶךְ' הַזֶּה] **אֵיזֶה אֲנָשִׁים מֵאֲנָשָׁיו** [הַ'שֵּׁדִים']**: "לַעֲשׂוֹת לָהֶם כָּרָאוּי, כְּדַרְכָּם תָּמִיד"!** (הַיְנוּ: שֶׁזֶּה הַ'מֶּלֶךְ' שָׁלַח לְהַזִּיקָם כְּדַרְכָּם)**.**

**וְכֵיוָן שֶׁרָאוּ אוֹתָם, אוֹתָהּ הַמִּשְׁפָּחָה שֶׁל בְּנֵי־אָדָם הַנַּ"ל** [דְּהַיְנוּ: הַמִּשְׁפָּחָה שֶׁל הֶחָכָם] **– נָפַל עֲלֵיהֶם פַּחַד! – וְאָמַר לָהֶם הַ'זָּקֵן'** [הֶ'חָכָם'] **הַנַּ"ל** [לְמִשְׁפַּחְתּוֹ]**: "אַל תִּפְחֲדוּ"!**

**וּכְשֶׁנִּתְקָרְבוּ הַשֵּׁדִים לְשָׁם** [לְהֶ'חָכָם' עִם אֲנָשָׁיו] **– לֹא הָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֲלֵיהֶם, מֵחֲמַת הָ'עִגּוּל' הַנַּ"ל שֶׁהָיָה סְבִיבוֹתָם!**

**וְשָׁלַח** [הַ'מֶּלֶךְ'] **שְׁלוּחִים אֲחֵרִים – וְלֹא הָיוּ יְכוֹלִים גַּם־כֵּן** [לְהִתְקָרֵב אֲלֵיהֶם]**!**

וּבָא בְּכַעַס גָּדוֹל, וְהָלַךְ בְּעַצְמוֹ – וְלֹא הָיָה יָכוֹל גַּם הוּא לִקְרַב אֲלֵיהֶם!

וּבִקֵּשׁ [הַ'מֶּלֶךְ'] מֵהַ'זָּקֵן' [הֶ'חָכָם']: "שֶׁיַּנִּיחֵנוּ לִכָּנֵס לְשָׁם"!

וְאָמַר לוֹ [הַ'זָּקֵן']: מֵאַחַר שֶׁאַתָּה מְבַקֵּשׁ [אוֹתִי], אַנִּיחַ אוֹתְךָ לִכָּנֵס! – אֲבָל [הֱיוֹת שֶׁ]אֵין [הַ]דֶּרֶךְ 'שֶׁיֵּלֵךְ הַמֶּלֶךְ יְחִידִי', וְאַנִּיחַ אוֹתְךָ [בַּעֲבוּר זֶה] עִם עוֹד אֶחָד – לִכָּנֵס!

וּפָתַח לָהֶם [הַ'זָּקֵן'] 'פֶּתַח', וְנִכְנְסוּ! – וְחָזַר וְסָגַר הָ'עִגּוּל'!

אָמַר הַ'מֶּלֶךְ' לְהַ'זָּקֵן': "אֵיךְ אַתָּה בָּא לֵישֵׁב עַל מָקוֹם שֶׁלָּנוּ"?! – אָמַר לוֹ [הַ'זָּקֵן']: "מִפְּנֵי מַה הוּא מְקוֹמְךָ? הוּא מָקוֹם שֶׁלִּי"!

אָמַר לוֹ [הַ'מֶּלֶךְ']: "אֵין אַתָּה מִתְיָרֵא מִמֶּנִּי"?! – הֵשִׁיב לוֹ [הַ'זָּקֵן']: "לָאו"! – אָמַר לוֹ [הַ'מֶּלֶךְ' שׁוּב]: "אֵין אַתָּה מִתְיָרֵא?!

וּפָשַׁט עַצְמוֹ [הַ'מֶּלֶךְ'], וְנַעֲשָׂה גָּדוֹל מְאֹד עַד הַשָּׁמַיִם – וְרָצָה לְבָלְעוֹ!

אָמַר [לוֹ] הַ'זָּקֵן': "אַף־עַל־פִּי־כֵן אֵינִי מִתְיָרֵא כְּלָל! – אַךְ אִם אֲנִי רוֹצֶה, תִּהְיֶה אַתָּה מִתְיָרֵא מִמֶּנִּי"!

וְהָלַךְ [הַ'זָּקֵן'] וְהִתְפַּלֵּל קְצָת – וְנַעֲשָׂה עָב וְעָנָן גָּדוֹל [שֶׁנַּעֲשָׂה עֲנָנִים גְּדוֹלִים], וְהָיָה רְעָמִים גְּדוֹלִים – וְהָרַעַם הוֹרֵג אוֹתָם [מְאֹד – הַשֵּׁדִים]!

וְנֶהֶרְגוּ כָּל הַ'שָּׂרֵי־מְלוּכָה' שֶׁלּוֹ שֶׁהָיוּ עִמּוֹ [עִם הַ'מֶּלֶךְ הַזֶּה שֶׁל הַשֵּׁדִים']! – וְלֹא נִשְׁאֲרוּ, כִּי אִם הוּא [הַ'מֶּלֶךְ'], עִם הָאֶחָד שֶׁהָיָה עִמּוֹ שָׁם בְּתוֹךְ הָ'עִגּוּל'!

וּבִקֵּשׁ אוֹתוֹ [הַ'מֶּלֶךְ' מֵהַ'זָּקֵן']: "שֶׁיִּפְסֹק הָרַעַם"! – וּפָסַק!

[ו] עָנָה הַ'מֶּלֶךְ' וְאָמַר [לְהַ'זָּקֵן']: "מֵאַחַר שֶׁאַתָּה אִישׁ כָּזֶה – אֶתֵּן לְךָ [בְּמַתָּנָה], 'סֵפֶר' מִכָּל הַמִּשְׁפָּחוֹת שֶׁל שֵׁדִים!

כִּי יֵשׁ 'בַּעֲלֵי־שֵׁמוֹת' [כְּמוֹ: 'בַּעַל־שֵׁם'] שֶׁאֵינָם יוֹדְעִים רַק מִ'מִּשְׁפָּחָה אַחַת'. וַאֲפִלּוּ 'אוֹתָהּ הַמִּשְׁפָּחָה' [שֶׁהֵם יוֹדְעִים – גַּם־כֵּן] אֵינָם יוֹדְעִים בִּשְׁלֵמוּת!

אֲנִי אֶתֵּן לְךָ 'סֵפֶר', שֶׁכָּתוּב בּוֹ 'כָּל הַמִּשְׁפָּחוֹת' – כִּי אֵצֶל הַ'מֶּלֶךְ' כְּתוּבִים כֻּלָּם – וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁנּוֹלַד, נִכְתַּב אֵצֶל הַ'מֶּלֶךְ'"!

וְשָׁלַח אֶת הָאֶחָד שֶׁהָיָה עִמּוֹ, אַחַר הַסֵּפֶר! (הַיְנוּ: שֶׁ'הַמֶּלֶךְ שֶׁל הַשֵּׁדִים' שָׁלַח אֶת הָאֶחָד שֶׁהָיָה עִמּוֹ בְּתוֹךְ הָ'עִגּוּל', אַחַר הַסֵּפֶר! – נִמְצָא: שֶׁטּוֹב עָשָׂה שֶׁהִנִּיחַ אוֹתוֹ עִם עוֹד אֶחָד לִכָּנֵס, כִּי אִם לָאו, אֶת מִי הָיָה שׁוֹלֵחַ)! – וְהֵבִיא לוֹ הַ'סֵּפֶר'!

וּפָתַח אֶת הַ'סֵּפֶר', וְרָאָה כָּתוּב בּוֹ: "אֶלֶף־אֲלָפִים וְרִבֵּי־רְבָבוֹת מִשְׁפָּחוֹת שֶׁלָּהֶם"!

וְהִבְטִיחַ הַ'מֶּלֶךְ' [לְהַ'זָּקֵן']: "שֶׁלֹּא יַזִּיקוּ לְעוֹלָם, אֶת כָּל 'מִשְׁפַּחְתּוֹ' שֶׁל 'אוֹתוֹ הַזָּקֵן' הַנַּ"ל"!

וְצִוָּה לְהָבִיא כָּל הַ'פַּאטְרֶעטִין' [תְּמוּנוֹת] שֶׁל 'כָּל בְּנֵי־מִשְׁפַּחְתּוֹ' – וַאֲפִלּוּ אִם יִהְיֶה נוֹלָד לָהֶם (אֵיזֶה 'יֶלֶד'), יָבִיאוּ תֵּכֶף הַ'פַּאטְרֶעט' [תְּמוּנָה] שֶׁלּוֹ – כְּדֵי שֶׁלֹּא יִהְיֶה נִזּוֹק שׁוּם אֶחָד מִ'מִּשְׁפַּחַת הַזָּקֵן'!

[ז] אַחַר־כָּךְ, כְּשֶׁהִגִּיעַ זְמַנּוֹ שֶׁל הַ'זָּקֵן' לִפָּטֵר מִן הָעוֹלָם – קָרָא לְבָנָיו, וְצִוָּה לָהֶם, וְאָמַר לָהֶם:

"אֲנִי מַנִּיחַ לָכֶם זֶה הַ'סֵּפֶר': וַהֲלֹא אַתֶּם רוֹאִים שֶׁיֵּשׁ לִי כֹּחַ לְהִשְׁתַּמֵּשׁ עִם זֶה הַ'סֵּפֶר' בִּקְדֻשָּׁה – וְאַף־עַל־פִּי־כֵן אֵינִי מִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ, רַק יֵשׁ לִי אֱמוּנָה בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ – גַּם אַתֶּם אַל תִּשְׁתַּמְּשׁוּ בּוֹ!

אֲפִלּוּ אִם יִמָּצֵא אֶחָד מִכֶּם, שֶׁיּוּכַל לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ בִּקְדֻשָּׁה – אַף־עַל־פִּי־כֵן אַל יִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ, רַק יִהְיֶה לוֹ אֱמוּנָה בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ"!

[ח] וְ[אַחַר־כָּךְ]נִפְטַר הֶ'חָכָם'! – וְהָלַךְ הַ'סֵּפֶר' בִּירֻשָּׁה, וּבָא לְ'בֶן־בְּנוֹ' – וְהָיָה לוֹ כֹּחַ לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ בִּקְדֻשָּׁה, רַק שֶׁהָיָה לוֹ אֱמוּנָה בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְלֹא הָיָה מִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ – כַּאֲשֶׁר צִוָּה הַ'זָּקֵן'!

וְהַ'מְדַבְּרִים' שֶׁיֵּשׁ בֵּינֵיהֶם [בֵּין הַ'שֵּׁדִים'], הָיוּ מְפַתִּים אֶת 'נֶכֶד הַזָּקֵן' הַנַּ"ל: "בַּאֲשֶׁר שֶׁיֵּשׁ לְךָ בָּנוֹת גְּדוֹלוֹת, וְאֵין לְךָ [הַיְכֹלֶת] לְפַרְנְסָם וּלְהַשִּׂיאָם – עַל־כֵּן הִשְׁתַּמֵּשׁ בְּזֶה הַסֵּפֶר"!

וְהוּא לֹא הָיָה יוֹדֵעַ: "שֶׁהֵם מְפַתִּים אוֹתוֹ"! – וְסָבַר: "שֶׁלִּבּוֹ מְיַעֲצוֹ לָזֶה"!

וְנָסַע לְ'אֲבִיו־זְקֵנוֹ' עַל קִבְרוֹ, וְשָׁאַל אוֹתוֹ: "בַּאֲשֶׁר שֶׁהִנַּחְתָּ 'צַוָּאָה', שֶׁלֹּא לְהִשְׁתַּמֵּשׁ עִם הַסֵּפֶר, רַק שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ אֱמוּנָה בְּהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ"! – וְעַתָּה הַלֵּב מְפַתֶּה אוֹתִי: "לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ"?!

עָנָה אוֹתוֹ ([זְקֵנוֹ] הַ'זָּקֵן הַנִּפְטָר' הַנַּ"ל): "אַף־עַל־פִּי שֶׁיֵּשׁ לְךָ כֹּחַ לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ בִּקְדֻשָּׁה, מוּטָב שֶׁיִּהְיֶה לְךָ אֱמוּנָה בְּהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ, וְאַל תִּשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ, וְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ יַעֲזֹר לְךָ"! – וְעָשָׂה כֵּן!

## [פֶּרֶק ו] הוּא נַעֲשָׂה 'עָנָן' / הַ'שֵּׁדִים'; הַ'מְכַשְּׁפִים'; וְהַ'מְדַבְּרִים' / נִשְׁקָה הָ'אִילָן' כֻּלּוֹ / הָ'רְמָזִים' בִּ'תְהִלִּים'

[א] [הֶ'עָנָן' מַמְשִׁיךְ לְסַפֵּר לְהַ'שָּׁלִיחַ', אֵיךְ שֶׁנַּעֲשָׂה 'עָנָן':] (וַיְהִי הַיּוֹם!) וְהָיָה הַ'מֶּלֶךְ' חוֹלֶה, [הַיְנוּ: 'הַמֶּלֶךְ'] בְּאוֹתָהּ מְדִינָה שֶׁיּוֹשֵׁב בָּהּ הַ'נֶּכֶד שֶׁל הַזָּקֵן' הַנַּ"ל!

וְעָסַק בְּ׳דָאקְטוֹרִים׳ – וְלֹא הָיוּ יְכוֹלִים לַעֲשׂוֹת [לוֹ] ׳רְפוּאָה׳, מֵחֲמַת גֹּדֶל הַחֲמִימוּת שֶׁהָיָה שָׁם בְּאוֹתָהּ הַמְּדִינָה, [עַל־כֵּן] לֹא הָיוּ מוֹעִילִים הָ׳רְפוּאוֹת׳!

וְגָזַר הַ׳מֶּלֶךְ׳ [שֶׁל הַ׳מְּדִינָה׳]: ״שֶׁיִּשְׂרָאֵל יִתְפַּלְּלוּ בַּעֲדוֹ״!

אָמַר הַ׳מֶּלֶךְ ׳שֶׁלָּנוּ [שֶׁל הַ׳שֵּׁדִים׳]: ״בַּאֲשֶׁר שֶׁזֶּה הַ׳נֶּכֶד׳ הַנַּ״ל, יֵשׁ לוֹ כֹּחַ לְהִשְׁתַּמֵּשׁ עִם הַ׳סֵּפֶר׳ בִּקְדֻשָּׁה, וְאֵינוֹ מִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ – עַל־כֵּן נַעֲשָׂה לְטוֹבָתוֹ!

וְצִוָּה עָלַי: ״לִהְיוֹת שָׁם ׳עָנָן׳ [כְּדֵי לְקָרֵר הָ׳אֲוִיר׳] – כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לְהַ׳מֶּלֶךְ׳ ׳רְפוּאָה׳, מֵהָ׳רְפוּאוֹת׳ שֶׁלָּקַח כְּבָר, וּמֵהָ׳רְפוּאוֹת׳ שֶׁיִּקַּח עוֹד!

וְהַ׳נֶּכֶד׳ הַנַּ״ל לֹא יָדַע כְּלָל מִזֶּה!

וּמֵחֲמַת זֶה, אֲנִי הָיִיתִי בְּכָאן ׳עָנָן׳!

(כָּל־זֶה [מִתְּחִלַּת פֶּרֶק ה, עַד כָּאן] – הָיָה מְסַפֵּר הֶ׳עָנָן׳ לְהַ׳שָּׁלִיחַ׳).

וְזֶה הַ׳בֵּן׳ הַנַּ״ל (הַיְנוּ זֶה שֶׁלֹּא הָיָה לוֹ כֹּחַ בְּרַגְלָיו בִּתְחִלָּה), הָיָה הוֹלֵךְ אַחֲרֵיהֶם וְשׁוֹמֵעַ!

**[ב]** וְהֵבִיאוּ אוֹתוֹ [הַ׳שֵּׁד׳ שֶׁנַּעֲשָׂה ׳עָנָן׳] לַמֶּלֶךְ [שֶׁל הַ׳שֵּׁדִים], וְצִוָּה הַ׳מֶּלֶךְ׳: ״שֶׁיִּקְחוּ הַכֹּחַ, וְיַחֲזִירוּ [אוֹתוֹ] לְהַמֶּלֶךְ הַנַּ״ל [שֶׁל הָ׳אִי׳ – שֶׁלָּקְחוּ מִמֶּנּוּ הַכֹּחַ, בִּשְׁבִיל שֶׁבָּנָה הָ׳אִי׳ בִּמְקוֹמָם]״! – וְהֶחֱזִירוּ לוֹ הַכֹּחַ!

**[ג]** וְאָז חָזַר הַ׳בֵּן שֶׁל הַשֵּׁדִים׳ הַנַּ״ל [שֶׁאָבִיו וְאִמּוֹ בָּכוּ עָלָיו], כַּנַּ״ל [פֶּרֶק ד אוֹת ב] – וּבָא מְיֻסָּר מְאֹד בְּלֹא כֹּחַ, כִּי עִנּוּ אוֹתוֹ מְאֹד שָׁם!

וְחָרָה לוֹ מְאֹד [לְהַ׳בֵּן שֶׁל הַשֵּׁדִים׳], עַל הַ׳מְכַשֵּׁף׳ שֶׁעִנָּה אוֹתוֹ [שָׁם] כָּל־כָּךְ! – וְצִוָּה לְבָנָיו וּמִשְׁפַּחְתּוֹ: ״שֶׁיִּהְיוּ אוֹרְבִים תָּמִיד עַל הַ׳מְכַשֵּׁף׳ הַנַּ״ל!

וְיֵשׁ בֵּינֵיהֶם ׳מְדַבְּרִים׳! – וְהָלְכוּ וְהִגִּידוּ לְהַ׳מְכַשֵּׁף׳: ״שֶׁיִּשְׁמֹר עַצְמוֹ, כִּי הֵם אוֹרְבִים עָלָיו״!

וְעָשָׂה [הַ]׳מְכַשֵּׁף׳ ׳תַּחְבּוּלוֹת׳ [לִשְׁמֹר עַצְמוֹ] – וְקָרָא ׳עוֹד מְכַשְּׁפִים׳ שֶׁיּוֹדְעִים [מֵ׳עוֹד] מִשְׁפָּחוֹת׳ – כְּדֵי לִשְׁמֹר [עַצְמוֹ] מֵהֶם!

וְחָרָה מְאֹד לְהַ׳בֵּן׳ הַנַּ״ל וּלְמִשְׁפַּחְתּוֹ, עַל הַ׳מְדַבְּרִים׳ – עַל שֶׁגִּלּוּ סוֹדוֹ לְהַ׳מְכַשֵּׁף׳!

**[ד]** פַּעַם אֶחָד נִזְדַּמֵּן: שֶׁהָלְכוּ יַחַד, מִ׳מִּשְׁפָּחָה שֶׁל הַבֵּן׳ הַנַּ״ל, וּמֵהַ׳מְדַבְּרִים׳ – עַל הַ׳מִּשְׁמָר׳, אֵצֶל הַ׳מֶּלֶךְ [שֶׁל הַשֵּׁדִים]! – וְהָלְכוּ ׳בְּנֵי־הַמִּשְׁפָּחָה׳ [שֶׁל הַ׳בֵּן׳] הַנַּ״ל, וְעָשׂוּ עֲלִילָה עַל הַ׳מְדַבְּרִים׳!

וְהָרַג הַ׳מֶּלֶךְ׳ אֶת הַ׳מְדַבְּרִים׳!

וְחָרָה לְהַ׳מְדַבְּרִים הַנִּשְׁאָרִים׳! – וְהָלְכוּ, וְעָשׂוּ ׳מְרִידָה [גְּדוֹלָה] בֵּין כָּל הַמְּלָכִים!

וְהָיָה בֵּין הַ׳שֵּׁדִים׳: ׳רָעָב׳, וְ׳חֲלָשׁוֹת׳, וְ׳חֶרֶב׳, וְ׳דֶבֶר׳! – וְנַעֲשָׂה ׳מִלְחָמוֹת׳ בֵּין כָּל הַ׳מְּלָכִים׳! – וְעַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשָׂה ׳רְעִידַת־הָאָרֶץ׳! – וְ[עַל־יְדֵי־זֶה]נָפְלָה הָ׳אָרֶץ׳ כֻּלָּהּ! – וְ[עַל־יְדֵי־זֶה]נִשְׁקָה הָ׳אִילָן׳ כֻּלּוֹ!

וְ[עַל־יְדֵי־זֶה]לֹא נִשְׁאַר מֵהֶם [מֵהַ׳שֵּׁדִים׳] כְּלָל, וְנַעֲשׂוּ כְּלֹא הָיוּ – אָמֵן!

**[ה]** סוֹד מַעֲשֶׂה זוֹ מְרֻמָּז בְּקַפִּיטְל א׳ שֶׁבַּתְּהִלִּים: ״אַשְׁרֵי הָאִישׁ״ וְכוּ׳!

[מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ ׳עֵינַיִם׳, יִרְאֶה; וּמִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ ׳לֵב׳, יָבִין – מַה שֶּׁנַּעֲשָׂה בָּעוֹלָם]!

״דֶּרֶךְ רְשָׁעִים; דֶּרֶךְ צַדִּיקִים״ וְכוּ׳ [פָּסוּק ו] – הַיְנוּ: בְּחִינַת הַ׳דְּרָכִים׳ הַנַּ״ל שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם הָ׳אָבָק שֶׁמְּפַזְּרִים׳ וְכוּ׳, כַּנַּ״ל [פֶּרֶק ב אוֹת ד]!

״וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל עַל פַּלְגֵי מָיִם, אֲשֶׁר פִּרְיוֹ יִתֵּן בְּעִתּוֹ, וְעָלֵהוּ וְכוּ׳ [לֹא יִבּוֹל], וְכֹל אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה יַצְלִיחַ״ [פָּסוּק ג] – הַיְנוּ: הָ׳אִילָן׳ הַנַּ״ל, שֶׁכָּל פִּרְיוֹ, וְעָלָיו, הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל – מְסֻגָּל מְאֹד, כַּנַּ״ל [פֶּרֶק ב אוֹת ב]!

## דוֹק וְתִשְׁכַּח עוֹד אֵיזֶה רְמָזִים:

״אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ״ [פָּסוּק א] – כִּי בַּתְּחִילָּה לֹא הָיָה יָכוֹל לֵילֵךְ [הַ׳בֵּן הַחִגֵּר׳]!

״לֹא עָמַד״ [שָׁם] – כִּי אַחַר־כָּךְ לֹא הָיָה יָכוֹל לַעֲמֹד גַּם־כֵּן!

״וּבְמוֹשַׁב לֵצִים״ [שָׁם] – הַיְנוּ: ׳מוֹשַׁב לֵצִים׳ הַנַּ״ל שֶׁעוֹשִׂין [שָׁם הַ׳שֵּׁדִים׳] ׳לֵיצָנוּת׳ וְכוּ׳, כַּנַּ״ל [פֶּרֶק ה אוֹת ב]!

״כַּמֹּץ אֲשֶׁר תִּדְּפֶנּוּ רוּחַ״ [פָּסוּק ד] – הַיְנוּ: הָ׳רוּחַ׳ שֶׁנּוֹשֵׂא [אוֹתוֹ] הַ׳פּוּל׳ הַנַּ״ל [פֶּרֶק ב אוֹת ג – אֵצֶל הַ׳לְּבָנָה׳]!

וְכָל־זֶה [הָרְמָזִים הָאֵלֶּה בִּתְהִלִּים פֶּרֶק א] – הוּא רַק רְמָזִים בְּעָלְמָא, שֶׁהֵאִיר [רַבֵּנוּ זַ״ל] עֵינֵינוּ קְצָת – לְמַעַן נָבִין וְנַשְׂכִּיל קְצָת, עַד הֵיכָן הַדְּבָרִים מַגִּיעִים!

אֲבָל הַדְּבָרִים סְתוּמִים עֲדַיִן בְּתַכְלִית הַהֶעְלֵם – כִּי ׳כָּל אֵלּוּ הַמַּעֲשִׂיּוֹת׳ שֶׁסִּפֵּר – גָּבְהוּ מְאֹד מְאֹד מִדַּעַת־אֱנוֹשִׁי, וְנֶעְלָמִים מֵעֵין כָּל חָי וְכוּ׳.

### סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

# מַעֲשֶׂה ג – מֵ'חִגֵּר'

## [פֶּרֶק ה] דֶער 'חָכָם' / דִי 'שֵׁדִים' לָאזְן נִישְׁט אָנְטְרֶענְקְן דֶעם 'בּוֹים' / דִי 'מְדַבְּרִים' / זֵיי מַאכְן 'לֵיצָנוּת' / דֶער 'עִיגוּל' / דֶער 'סֵפֶר פוּן דִי שֵׁדִים' / נָאר 'אֱמוּנָה'

**[א]** אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'חָכָם'! – אוּן דֶער 'קֵיסָר' פוּן דֶער 'מְדִינָה' [ווּאוּ דֶער 'חָכָם' הָאט גֶעווּאוֹינְט], אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער 'אַפִּיקוֹרֶס'! אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי גַאנְצֶע 'מְדִינָה' פַאר 'אַפִּיקוֹרְסִים'!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער [דָאזִיגֶער] 'חָכָם' – אוּן הָאט גֶערוּפְן דִי 'גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה' זַיינֶע, אוּן הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט:

„אִיר זֶעהְט דָאךְ: אַז דֶער 'קֵיסָר' אִיז אַ 'גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס', אוּן הָאט גֶעמַאכְט דִי 'גַאנְצֶע מְדִינָה' פַאר 'אַפִּיקוֹרְסִים' – אוּן אַ טֵייל פוּן אוּנְזֶער 'מִשְׁפָּחָה', הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גֶעמַאכְט פַאר 'אַפִּיקוֹרְסִים'. בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]: לָאמִיר זִיךְ אַוֶועקְלָאזְן אִין דֶער 'מִדְבָּר', כְּדֵי מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיי אוּנְזֶער 'אֱמוּנָה' אִין 'גָאט בָּרוּךְ־הוּא'"!

זֶענֶען זֵיי מְרוּצֶה [בַּאוִוילִיגְט] גֶעוָוארְן דֶערוֹיף [אוּן זֵיי הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶוען מִיט אִים]!

הָאט דֶער 'חָכָם' גֶעזָאגְט אַ [גֶעוִויסֶע] 'שֵׁם' [פוּן דִי הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת], הָאט עֶס זֵיי גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] צוּ אַ 'מִדְבָּר'! – אִיז אִים נִישְׁט גֶעפֶעלְן דִי '[דָאזִיגֶע] מִדְבָּר'!

הָאט עֶר וִוידֶער גֶעזָאגְט אַ 'שֵׁם', הָאט עֶס זֵיי אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן צוּ אַ 'אַנְדֶערֶע מִדְבָּר'! – אִיז אִים דִי '[דָאזִיגֶע אַנְדֶערֶע] מִדְבָּר' אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפֶעלְן.

הָאט עֶר נָאךְ [נָאכְאַמָאל] גֶעזָאגְט אַ 'שֵׁם', הָאט עֶס זֵיי וִוידֶער גֶעבְּרַאכְט צוּ אַ 'אַנְדֶערֶע מִדְבָּר'! – אִיז דִי '[דָאזִיגֶע] מִדְבָּר' אִים יָא גֶעפֶעלְן!

אוּן דִי '[דָאזִיגֶע] מִדְבָּר', אִיז גֶעוֶוען נָאנְט צוּ דִי 'צְוֵויי־טוֹיזְנְט בֶּערְג' (הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פֶּרֶק ב אוֹת ג; אָנְהֵייבּ פֶּרֶק ד]).

אִיז דֶער '[דָאזִיגֶער] חָכָם' גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶעמַאכְט אַ 'עִיגוּל' (כְּלוֹמַר: אַרוּמְגֶעקְרֵייזְט [אַרוּמְגֶערִינְגְלְט]) אַרוּם זֵיי – אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּטְרֶעטְן [צוּקוּמֶען] צוּ זֵיי!

**[ב]** אוּן עֶס אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'בּוֹים' – וָואס אַז מְ'זָאל דֶעם '[דָאזִיגְן] בּוֹים' אָנְטְרֶענְקְן, וָואלְט פוּן אוּנְז (הַיְינוּ: פוּן דִי 'שֵׁדִים'), גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ־דֶעם] שְׁטֵייעֶן תָּמִיד פוּן אוּנְז, וָואס זֵיי גְרָאבְּן [דִי עֶרְד אַרוּם דֶעם 'בּוֹים'] 'טָאג' אוּן 'נַאכְט', אוּן לָאזְן נִישְׁט צוּ קַיין 'וַואסֶער' צוּ דֶעם 'בּוֹים'!

הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט דֶער 'אַנְדֶערֶער' [דֶער 'שְׁלִיחַ' פְרֶעגְט פוּנֶעם 'וָואלְקְן']: „נָאךְ וָואס [פַארְוָואס] בַּאדַארְף מֶען שְׁטֵיין 'טָאג' אוּן 'נַאכְט' אוּן גְרָאבְּן? – אַ־מֶער, וִוי [וִויבַּאלְד] מְ'גְרָאבְּט אָפּ אֵיינְמָאל [אַרוּם דֶעם 'בּוֹים'], אַז דָאס 'וַואסֶער' זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּקוּמֶען [צוּם 'בּוֹים'], אִיז [דָאךְ] שׁוֹין גֶענוּג"?!

הָאט עֶר [דֶער 'וָואלְקְן'] אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: „בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] עֶס אִיז בַּיי אוּנְז [צְוִוישְׁן דִי שֵׁדִים] פַארְהַאנְדְן 'מְדַבְּרִים' (כְּלוֹמַר: 'רֶעדֶערְס' [וָואס רֶעדְן אַגַאנְצֶע צַייט])! – אוּן דִי [דָאזִיגֶע] 'מְדַבְּרִים', גֵייעֶן אוּן מַאכְן קְרִיג, צְוִוישְׁן 'דֶעם מֶלֶךְ' אוּן צְוִוישְׁן 'דֶעם [אַנְדֶערְן] מֶלֶךְ'! – אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְט 'מִלְחָמוֹת'! – אוּן דוּרְךְ דִי 'מִלְחָמוֹת', וֶוערְט 'עֶרְד־צִיטֶערְנִישׁ'! – [בְּמֵילָא דוּרְכְדֶעם] פַאלְט אַיין דִי 'עֶרְד' וָואס [אִיז] אַרוּם דֶעם [פְּלַאץ פוּנֶעם] גְרָאבְּן! – [בְּמֵילָא דוּרְכְדֶעם] קֶען קוּמֶען [צוּקוּמֶען] 'וַואסֶער' צוּם 'בּוֹים'! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ־דֶעם] מוּז מֶען שְׁטֵיין תָּמִיד אוּן גְרָאבְּן [וִוי פְרִיעֶר דֶערְמַאנְט]"!

**[ג]** [דֶערְצֵיילְט דֶער 'וָואלְקְן' וַוייטֶער:] אוּן אַז עֶס וֶוערְט אַ 'מֶלֶךְ' צְוִוישְׁן אוּנְז [בַּיי דִי שֵׁדִים], מַאכְט מֶען פַאר אִים 'כָּל הַלֵּיצָנוּת' [אַלֶע סָארְט לֵיצָנוּת], אוּן מְ'אִיז פְרֵיילֶעךְ! – דֶער [שֵׁד] שְׁפֶּעט: „וִוי עֶר הָאט מַזִּיק גֶעוֶוען אַ 'קִינְד', אוּן וִוי דִי 'יוֹלֶדֶת' טְרוֹיעֶרְט דֶערוֹיף"! – אוּן דֶער [אַנְדֶערֶער שֵׁד] וַוייזְט אַ אַנְדֶער 'לֵיצָנוּת'! – אוּן אַזוֹי [וַוייטֶער] כַּמָּה עֶרְלֵיי 'לֵיצָנוּת'!

אוּן אַז דֶער 'מֶלֶךְ' קוּמְט אִין [דִי] 'שִׂמְחָה' אַרַיין [עֶר וֶוערְט זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ] – גֵייט עֶר אוּן שְׁפַּאצִירְט זִיךְ מִיט דִי 'שָׂרֵי־מְלוּכָה', אוּן פְּרוּבְּט זִיךְ אוֹיסְרַייסְן דֶעם 'בּוֹים'! – וָוארְן אַז דֶער 'בּוֹים' זָאל גָארְנִישְׁט זַיין [בִּכְלַל], וָואלְט אוּנְז זֵייעֶר גוּט גֶעוֶוען!

און דֶער ׳מֶלֶךְ׳ שְׁטַארְקְט זִיךְ דָאס ׳הָאֶרֶץ׳ זֵייעֶר, כְּדֵי עֶר זָאל אוֹיסְרַייסְן דֶעם ׳בּוֹים׳ אִינְגַאנְצְן!! – וִוי [נָאר] עֶר קוּמְט צוּם בּוֹים, טוּט [דַאן] דֶער ׳בּוֹים׳, אַ גְרוֹיסְן גֶעשְׁרֵיי! – אַזוֹי פַאלְט אוֹיף אִים [דֶער מֶלֶךְ] אַ ׳פַּחַד׳! – מוּז עֶר זִיךְ אוּמְקֶערְן!

[ד] [דֶערְצֵיילְט דֶער ׳וָואלְקֶן׳ וַוייטֶער:] אַמָאל אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר ׳מֶלֶךְ׳ בַּיי אוּנְז (דְהַיְינוּ: בַּיי [דִי] ׳שֵׁדִים׳ – וָוארְן דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט דֶער ׳וָואלְקְן׳ צוּ דֶעם ׳שְׁלִיחַ׳, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – הָאט מֶען פַאר אִים גֶעמַאכְט ׳גְרוֹיסֶע לֵיצָנוּת׳, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – אִיז עֶר אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין גְרוֹיס ׳שִׂמְחָה׳ – און הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ ׳שְׁטַארְק הַאֶרֶץ׳ זֵייעֶר – און הָאט גֶעוָואלְט: ״אוֹיסְרַייסְן דֶעם ׳בּוֹים׳, גָאר אִינְגַאנְצְן״!

און אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען זִיךְ שְׁפַּאצִירְן מִיט זַיינֶע ׳שָׂרִים׳ – און הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט דָאס ׳הַאֶרֶץ׳, און אִיז צוּגֶעלָאפְן אוֹיסְרַייסְן דֶעם ׳בּוֹים׳ אִינְגַאנְצְן!

וִוי עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם ׳בּוֹים׳ – הָאט עֶר [דִי בּוֹים] אוֹיף אִים [אוֹיפְן מֶלֶךְ], אַ גְרוֹיסְן גֶעשְׁרֵיי גֶעטָאן! – אִיז אוֹיף אִים גֶעפַאלְן אַ ׳פַּחַד׳! – הָאט עֶר זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט, און אִיז גֶעוֶוען אִין גְרוֹיס ׳כַּעַס׳, און אִיז צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען.

[ה] דֶערְוַוייל הָאט עֶר [דֶער דָאזִיגֶער ׳נֵייעֶר מֶלֶךְ׳] אַ קוּק גֶעטָאן, הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן: ׳מֶענְטְשְׁן׳ זִיצְן! (דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער ׳חָכָם׳ הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן).

הָאט דֶער ׳[דָאזִיגֶער] מֶלֶךְ׳ גֶעשִׁיקְט [עֶטְלִיכֶע] פוּן זַיינֶע ׳לַייט׳ [דִי שֵׁדִים]: ״אַז זֵיי זָאלְן עֶפֶּעס טוּהְן״! (דְהַיְינוּ: מַזִיק זַיין זֵיי, אַזוֹי־וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז [אַלֶעמָאל]).

וִוי דִי ׳מִשְׁפָּחָה׳ פוּן דֶעם ׳חָכָם׳, הָאבְּן זֵיי דֶערְזֶעהְן [דִי ׳שֵׁדִים׳] – אִיז אוֹיף זֵיי גֶעפַאלְן אַ גְרוֹיסֶער ׳פַּחַד׳! – הָאט זִיךְ דֶער ׳זָקֵן׳ (דְהַיְינוּ: דֶער ׳חָכָם׳ הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: ״שְׁרֶעקְט אַייךְ נִישְׁט״!

וִוי דִי ׳שֵׁדִים׳ זֶענֶען אַהִינְגֶעקוּמֶען [צוּם ׳חָכָם׳ מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן] – הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּטְרֶעטְן [צוּקוּמֶען צוּ זֵיי], מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם ׳עִיגוּל׳ וָואס אַרוּם זֵיי אִיז גֶעוֶוען!

הָאט עֶר [דֶער ׳מֶלֶךְ׳] גֶעשִׁיקְט אַנְדֶערֶע ׳שְׁלוּחִים׳ – הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּטְרֶעטְן [צוּקוּמֶען צוּ זֵיי] !

אִיז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעקוּמֶען אִין גְרוֹיס ׳כַּעַס׳ אַרַיין, און אִיז אַלֵיין גֶעגַאנְגֶען – און עֶר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּטְרֶעטְן [צוּקוּמֶען] צוּ זֵיי!

הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם ׳זָקֵן׳ [דֶער ׳חָכָם׳]: ״אַז עֶר זָאל אִים לָאזְן אַרַיינְגֵיין צוּ זֵיי״!

הָאט אִים דֶער ׳זָקֵן׳ גֶעזָאגְט: ״וַוייל דוּ בֶּעטְסְט מִיךְ, וֶועל אִיךְ דִיךְ יָא אַרַיינְלָאזְן! – לוּשְׁמִיר [אָבֶּער אַזוֹי־וִוי] עֶס אִיז קַיין שְׁטֵייגֶער נִישְׁט, אַז אַ ׳מֶלֶךְ׳ זָאל אַלֵיין גֵיין, עַל־כֵּן [דֶערִיבֶּער] וֶועל אִיךְ דִיךְ אַרַיינְלָאזְן, נָאךְ מִיט אֵיינֶעם [מִיט נָאךְ אֵיינֶעם]״!

הָאט עֶר [דֶער ׳זָקֵן׳] זֵיי גֶעעֶפְנְט אַ ׳טִירְל׳, זֶענֶען זֵיי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען! – און הָאט וִוידֶער פַארְשְׁלָאסְן דֶעם ׳עִיגוּל׳!

הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעזָאגְט צוּם ׳זָקֵן׳: ״וִוי קוּמְסְטוּ זִיךְ [צוּ] זֶעצְן אוֹיף מַיין אָרְט״?! – הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: ״פַארְוָואס אִיז דָאס דַיין אָרְט? עֶס אִיז מַיין אָרְט״!

זָאגְט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ צוּם ׳זָקֵן׳: ״דוּ הָאסְט פַאר מִיר קַיין מוֹרָא נִישְׁט״?! – זָאגְט עֶר [דֶער ׳זָקֵן׳]: ״נֵיין״!

זָאגְט עֶר וִוידֶער [דֶער ׳מֶלֶךְ׳]: ״דוּ הָאסְט קַיין מוֹרָא נִישְׁט״?!

און [דֶער ׳מֶלֶךְ׳] הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעצוֹיגְן, און אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר גְרוֹיס בִּיז אִין [דִי] הִימְל – און הָאט אִים גֶעוָואלְט אַיינְשְׁלִינְגְן!

זָאגְט [אִים] דֶער ׳זָקֵן׳: ״אִיךְ הָאבּ פָּארְט קַיין מוֹרָא גָארְנִישְׁט פַאר [פוּן] דִיר! – נָאר אַז אִיךְ וִויל, וֶועסְטוּ פַאר מִיר יָא מוֹרָא הָאבְּן״!

און [דֶער ׳זָקֵן׳] אִיז גֶעגַאנְגֶען, און הָאט אַבִּיסְל מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען – אִיז גֶעוָוארְן ׳גְרוֹיסֶע וָואלְקְנְס׳, און סֶע [סְ׳אִיז] גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע ׳דִינֶערְן׳ – און דֶער ׳דִינֶער׳ הַרְגֶ׳עט זֵיי זֵייעֶר אוֹיס [דִי ׳שֵׁדִים׳]!

זֶענֶען גֶע׳הַרְגֶ׳עט גֶעוָוארְן אַלֶע זַיינֶע ׳שָׂרֵי־מְלוּכָה׳ וָואס זֶענֶען מִיט אִים גֶעוֶוען [מִיטְן דָאזִיגְן ׳מֶלֶךְ׳ פוּן דִי ׳שֵׁדִים׳]! – און סֶע [סְ׳אִיז] מֶער נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן, נָאר דֶעם ׳מֶלֶךְ׳, מִיט דֶעם ׳אֵיינֶעם׳

וָואס עֶר אִיז מִיט אִים גֶעוֶוען דָארְט אִין דֶעם 'עִיגוּל'!

הָאט עֶר אִים גֶעבֶּעטְן (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם 'זָקֵן'): "אַז דֶער 'דִינֶער' זָאל אוֹיפְהֶערְן"! – הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט [דֶער דִינֶער]!

[ו] הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם 'זָקֵן': "אַז דוּ בִּיזְט יָא אַזוֹי אַ [אַזָא] מֶענְטְש – וֶועל אִיךְ דִיר שֶׁענְקְן, אַ 'סֵפֶר', פוּן אַלֶע 'מִשְׁפָּחוֹת' פוּן דִי 'שֵׁדִים'!

וָוארְן סְ'פַארְהַאנְדְן 'בַּעֲלֵי־שֵׁמוֹת' [בַּעַל־שֵׁם'ס], וָואס זֵיי וֵוייסְן מֶער נִישְׁט, נָאר פוּן אֵיין 'מִשְׁפָּחָה'. אוּן אֲפִילוּ דִי [דָאזִיגֶע] 'מִשְׁפָּחָה' [וָואס זֵיי וֵוייסְן יָא], וֵוייסְן זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן!

אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן אַ 'סֵפֶר', וָואס דֶערִינֶען שְׁטֵייֶען 'אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת' – וָוארְן בַּיי דֶעם 'מֶלֶךְ', זֶענֶען זֵיי אַלֶע פַארְשְׁרִיבְּן – אוּן אֲפִילוּ וֶוער סְ'וֶוערְט גֶעבּוֹירְן, וֶוערְט אוֹיךְ פַארְשְׁרִיבְּן בַּיי דֶעם 'מֶלֶךְ'".

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעשִׁיקְט דֶעם 'אֵיינֶעם' וָואס עֶר אִיז מִיט אִים גֶעוֶוען [אִינֶעם 'עִיגוּל'], נָאךְ דֶעם 'סֵפֶר'! (נִמְצָא [קוּמְט־אוֹיס]: הָאט עֶר זֵייעֶר רֶעכְט [רִיכְטִיג] גֶעטָאן, [אוֹיף] וָואס עֶר הָאט אִים אַרַיינְגֶעלָאזְט נָאךְ מִיט אֵיינֶעם [מִיט נָאךְ אֵיינֶעם] – וָוארְן זוּסְט [וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט], וֶועמֶען וָואלְט עֶר [דַאן] גֶעשִׁיקְט)! – הָאט עֶר אִים גֶעבְּרַאכְט דָאס 'סֵפֶר'!

הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט דָאס 'סֵפֶר' – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן, עֶס שְׁטֵייט דֶערִינֶען: "אֶלֶף־אֲלָפִים וְרִבֵּי־רְבָבוֹת [טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע־טוֹיזְנְטֶער, פוּן] זֵייעֶרֶע 'מִשְׁפָּחוֹת'"!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' צוּגֶעזָאגְט [מַבְטִיחַ גֶעוֶוען פַאר] דֶעם 'זָקֵן': "אַז זֵיי זָאלְן [וֶועלְן] קַיינְמָאל נִישְׁט מַזִיק זַיין, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם 'זָקֵן'"!

אוּן [דֶער מֶלֶךְ] הָאט גֶעהֵייסְן [פַארְן זָקֵן]: "[אַז מְ'זָאל אִים] בְּרֶענְגֶען, אַלֶע 'פַּאטְרֶעטְן' [בִּילְדֶער] פוּן זַיין [דֶעם זָקֵן'ס] 'גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה' – אוּן אֲפִילוּ אַז עֶס וֶועט בַּיי זֵיי גֶעבּוֹירְן וֶוערְן אַ 'קִינְד', זָאל מֶען תֵּיכֶף בְּרֶענְגֶען זַיין 'פַּאטְרֶעט' – כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט מַזִיק זַיין קֵיינֶעם פוּן דֶער 'מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זָקֵן'"!

[ז] דֶערְנָאךְ, אַז סֶע [סְ'אִיז] גֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן דֶעם 'זָקֵן', אַז עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין [נִסְתַּלֵק וֶוערְן] פוּן דֶער וֶועלְט – הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע 'קִינְדֶער', אוּן הָאט זֵיי 'צַוָואָה' גֶעלָאזְט, אוּן הָאט צוּ זֵיי אַזוֹי גֶעזָאגְט:

"אִיךְ לָאז אַייךְ אִיבֶּער דָאס [דָאזִיגֶע] 'סֵפֶר' – אוּן אִיר זֶעהְט דָאךְ, אַז אִיךְ הָאבּ כֹּחַ צוּנִיצְן מִיט דֶעם [דָאזִיגְן] 'סֵפֶר' בִּקְדוּשָׁה – אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, נִיץ אִיךְ דֶערְמִיט נִישְׁט, נָאר אִיךְ הָאבּ 'אֱמוּנָה' אִין 'הַשֵׁם־יִתְבָּרַךְ' – זָאלְט אִיר אוֹיךְ דֶערְמִיט נִישְׁט נִיצְן!

אֲפִילוּ אַז עֶס וֶועט זִיךְ גֶעפִינֶען אֵיינֶער פוּן אַייךְ, וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען נִיצְן דֶערְמִיט בִּקְדוּשָׁה – זָאל עֶר פָארְט דֶערְמִיט נִישְׁט נִיצְן, נָאר עֶר זָאל הָאבְּן 'אֱמוּנָה' אִין 'הַשֵׁם־יִתְבָּרַךְ'"!

[ח] דֶערְנָאךְ אִיז דֶער 'חָכָם' גֶעשְׁטָארְבְּן! – אוּן דָאס 'סֵפֶר' אִיז גֶעגַאנְגֶען בִּירוּשָׁה, אוּן עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין 'אֵיינִיקְל' – אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט כֹּחַ צוּנִיצְן דֶערְמִיט בִּקְדוּשָׁה, נָאר עֶר הָאט גֶעהַאט 'אֱמוּנָה' אִין 'הַשֵׁם־יִתְבָּרַךְ', אוּן עֶר הָאט דֶערְמִיט נִישְׁט גֶענִיצְט – אַזוֹי־וִוי דֶער 'זָקֵן' הָאט 'צַוָואָה' גֶעלָאזְט!

אוּן דִי 'מְדַבְּרִים' (דְהַיְינוּ: דִי וָואס זֵיי רֶעדְן אָן) וָואס עֶס אִיז פַארְהַאנְדְן צְוִוישְׁן דִי 'שֵׁדִים', הָאבְּן אָנְגֶערֶעדְט דָאס 'אֵיינִיקְל פוּן דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] זָקֵן': "בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] דוּ הָאסְט 'טֶעכְטֶער' גְרוֹיסֶע, אוּן דוּ פַארְמָאגְסְט נִישְׁט [דִי מֶעגְלִיכְקֵייט] זֵיי מְפַרְנֵס צוּ זַיין, אוּן זֵיי 'חֲתוּנָה' [צוּ] מַאכְן – עַל־כֵּן [דֶערִיבֶּער] פָארֶע דִיךְ מִיט דֶעם 'סֵפֶר'"!

אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט: "אַז זֵיי [דִי 'מְדַבְּרִים'] רֶעדְן אִים דָאס אָן"! – אוּן עֶר הָאט גֶעמֵיינְט: "אַז זַיין 'הַארְץ' רֶעדְט אִים דָאס אָן"!

אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּ זַיין 'זֵיידְן' אוֹיף זַיין 'קֶבֶר' – אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] דוּ הָאסְט גֶעלָאזְט 'צַוָואָה': "אַז מֶען זָאל נִישְׁט נִיצְן מִיט דֶעם 'סֵפֶר', נָאר מִיר זָאלְן 'אֱמוּנָה' הָאבְּן אִין 'הַשֵׁם־יִתְבָּרַךְ'"! – הַיינְט רֶעדְט מִיךְ אָן דָאס 'הַארְץ': "[אַז] אִיךְ זָאל דֶערְמִיט נִיצְן"?!

הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט זַיין 'זֵיידֶע' (דֶער 'אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער זָקֵן' וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן): "כָאטְשֶׁע

דו קֶענְסְט נִיצְן דֶערְמִיט בִּקְדוּשָׁה, אִיז בֶּעסֶער אַז דו זָאלְסְט הָאבְּן 'אֱמוּנָה' אִין 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ', אוּן זָאלְסְט דֶערְמִיט נִישְׁט נִיצְן, אוּן 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ' וֶועט דִיר הֶעלְפְּן"! – הָאט עֶר אַזוֹי גֶעטָאן!

## [פֶּרֶק ו] עֶר וֶוערְט אַ 'וָואלְקְן' / דִי 'שֵׁדִים'; דִי 'מְכַשְּׁפִים'; אוּן דִי 'מְדַבְּרִים' / דֶער 'בּוֹים' וֶוערְט אָנְגֶעטְרֶענְקְט' / דִי 'רְמָזִים' אִין 'תְּהִלִּים'

[א] [דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער דֶער 'וָואלְקְן' פַארְן 'שְׁלִיחַ', וִויאַזוֹי עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ 'וָואלְקְן']: וַיְהִי הַיּוֹם! אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' פוּן דֶער [דָאזִיגֶער] 'מְדִינָה', וָואס דָארְט אִיז גֶעזֶעצְן דָאס 'אֵיינִיקְל' פוּן דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] 'זָקֵן' – אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' קְרַאנְק' גֶעוָוארְן!

הָאט עֶר זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט 'דָאקְטוֹרִים' – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט טָאן קַיין 'רְפוּאָה', מַחֲמַת [צוּלִיבּ דִי] גְרוֹיסֶע 'הִיצְן', וָואס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אִין דֶער [דָאזִיגֶער] 'מְדִינָה', דֶערִיבֶּער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהָאלְפְן דִי 'רְפוּאוֹת'!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה' גוֹזֵר גֶעוֶוען: "אַז אִידְן זָאלְן פַאר אִים מִתְפַּלֵל זַיין"!

הָאט אוּנְזֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶלֶךְ' פוּן 'שֵׁדִים'): "בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] דָאס [דָאזִיגְן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] 'אֵיינִיקְל', הָאט זִיךְ כֹּחַ צוּנִיצְן מִיט דֶעם 'סֵפֶר' בִּקְדוּשָׁה – אוּן עֶר נִיצְט פָּארְט נִישְׁט דֶערְמִיט – דְרוּם [דֶערִיבֶּער] בַּאדַארְפְן מִיר אִים אַ טוֹבָה טָאן"!

אוּן הָאט גֶעהֵייסְן מִיר: "אַז אִיךְ זָאל דָארְט וֶוערְן אַ 'וָואלְקְן' [כְּדֵי אָפְּצוּקִילְן דִי לוּפְט] – כְּדֵי דֶער 'מֶלֶךְ' (פוּן דֶער 'מְדִינָה') זָאל הָאבְּן אַ 'רְפוּאָה', פוּן דִי 'רְפוּאוֹת' וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶענוּמֶען, אוּן פוּן דִי 'רְפוּאוֹת' וָואס עֶר וֶועט נָאךְ נֶעמֶען"!

אוּן דָאס [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'אֵיינִיקְל', הָאט דֶערְפוּן גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט!

אוּן מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם, בִּין אִיךְ דָא גֶעוֶוען אַ 'וָואלְקְן'!

(דָאס [פוּן אָנְהֵייבּ פֶּרֶק ה, בִּיז אַהֶער] – הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט דֶער 'וָואלְקְן' צוּם 'שְׁלִיחַ')!

אוּן דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער 'זוּהְן', דֶער 'פְרִיעֶרְדִיגֶער הִינְקֶעדִיגֶער'] וָואס עֶר הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין 'כֹּחַ' אִין דִי 'פִיס' – אִיז זֵיי נָאכְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט דָאס אַלְץ גֶעהֶערְט.

[ב] הָאט מֶען אִים גֶעבְּרַאכְט צוּם 'מֶלֶךְ' (דְהַיְינוּ: דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ 'וָואלְקְן', הָאט מֶען אִים גֶעבְּרַאכְט צוּם 'מֶלֶךְ' [פוּן דִי 'שֵׁדִים']).

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעהֵייסְן: "אַז מֶען זָאל בַּיי אִים אָפְּנֶעמֶען [צוּרִיקְנֶעמֶען] דֶעם 'כֹּחַ', אוּן מֶען זָאל [דָאס] אוּמְקֶערְן צוּ דֶעם 'מֶלֶךְ' [פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן אִינְגְל] (וָואס זֵיי הָאבְּן בַּיי אִים דֶעם 'כֹּחַ' אַוֶועקְגֶענוּמֶען – וַוייל עֶר הָאט גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף זֵייעֶר אָרְט, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])" !

הָאט מֶען אִים אוּמְגֶעקֶערְט דֶעם 'כֹּחַ'!

[ג] אִיז [דַאן] צוּרִיקְגֶעקוּמֶען דֶער 'זוּהְן' פוּן דִי 'שֵׁדִים' (וָואס דֶער 'פָּאטֶער' אוּן 'מוּטֶער' הָאבְּן גֶעוֵויינְט נָאךְ אִים, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען זֵייעֶר אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט אָן 'כֹּחַ', וָוארְן מֶען הָאט אִים דָארְט זֵייעֶר גֶעפַּיינִיגְט!

הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן [פַארְן 'זוּהְן פוּן דִי שֵׁדִים'], אוֹיף דֶעם 'מְכַשֵּׁף', [אוֹיף] וָואס עֶר הָאט אִים דָארְט אַזוֹינֶע 'יִסוּרִים' אָנְגֶעטָאן! – הָאט עֶר אָנְגֶעזָאגְט [פַאר] זַיינֶע 'קִינְדֶער' אוּן זַיין 'מִשְׁפָּחָה': "אַז זֵיי זָאלְן תָּמִיד לָאקֶערְן אוֹיף דֶעם 'מְכַשֵּׁף'"!

אוּן צְוִוישְׁן דִי 'שֵׁדִים', אִיז דָאךְ אָבֶּער דָא 'מְדַבְּרִים' (דְהַיְינוּ: דִי 'רֶעדֶערְס')! – זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן אָפְּגֶעזָאגְט [אִיבֶּערְגֶעזָאגְט פַאר] דֶעם 'מְכַשֵּׁף': "אַז זֵיי לָאקֶערְן אוֹיף אִים"! – כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ הִיטְן.

הָאט דֶער 'מְכַשֵּׁף' גֶעטָאן 'תַּחְבּוּלוֹת' [מִיטְלְן זִיךְ צוּ הִיטְן] – אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן 'נָאךְ מְכַשְּׁפִים', וָואס זֵיי וֵוייסְן [פוּן] 'נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת' – כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן זֵיי.

הָאט עֶס זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן [פַאר] דֶעם 'זוּהְן', מִיט זַיין 'מִשְׁפָּחָה', אוֹיף דִי 'מְדַבְּרִים' – נָאךְ וָואס [אוֹיף וָואס] זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם 'סוֹד' [פַאר] דֶעם 'מְכַשֵּׁף'!

[ד] אַמָאל הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן: אַז זֵיי זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעגַאנְגֶען, אוֹיף דֶער 'וַוארְטֶע' [מִשְׁמוֹרוֹת; הִיטְן], בַּיי דֶעם 'מֶלֶךְ' [פוּן דִי 'שֵׁדִים'] – [סַיי] פוּן דֶער 'מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זוּהְן', אוּן [סַיי] פוּן דִי 'מְדַבְּרִים'!

– [און עס] זענען געגאנגען די 'משפחה פון דעם זוהן', און האבן געמאכט א 'בלבול' אויף די 'מדברים'!

האט דער 'מלך' אויסגע'הרג'עט די 'מדברים'!

האט עס די 'איבעריגע מדברים' פארדראסן – זענען זיי געגאנגען, און האבן געמאכט א 'מרידה' (דהיינו: א גרויסע קריג), צווישן אלע 'מלכים'!

איז געווארן צווישן די 'שדים': 'הונגער', און 'חולשות', און 'חרב', און 'דבר'! – און סע [ס'איז] געווארן 'מלחמות' צווישן אלע 'מלכים'! – און דורכדעם איז געווארן 'ערד-ציטערניש'! – [במילא] איז איינגעפאלן די גאנצע 'ערד'! – [במילא] איז דער 'בוים' געווארן אנגעטרענקט גאר אינגאנצן!

איז [במילא] פון זיי (דהיינו: פון די 'שדים') גארנישט געבליבן, און זיי זענען געווארן גארנישט – אמן!

[ה] "אשרי האיש אשר לא הלך וכו' – לא עמד – ובמושב לצים וכו' – והיה כעץ שתול על פלגי מים וכו'" [תהלים א, א-ג].

גאר די [דאזיגע גאנצע] 'מעשה', איז מרומז אין דעם [דאזיגן] קאפיטל [תהלים פרק א – "אשרי האיש" וכו']!

ווער עס האט 'אויגן', לאז [זאל] זעהן! און ווער עס האט א 'הארץ', לאז [זאל] פארשטיין! וואס אויף דער וועלט טוט זיך!

[פון דא און ווייטער, האבן מיר איבערגעזעצט אין אידיש – די המשך פון די רמזים וואס שטייט נאר ביי די 'לשון-הקודש'דיגע חלק]:

"דרך רשעים; דרך צדיקים" (פסוק ו) – דאס זענען: די בחינה פון די 'אויבנדערמאנטע וועגן' וואס איז פארהאן אין זיי די 'פול-שטויב' וואס מ'שפרייט אויס וכו', ווי אויבנדערמאנט (פרק ב אות ד)!

"והיה כעץ שתול על פלגי מים, אשר פריו יתן בעתו, ועלהו לא יבול, וכל אשר יעשה יצליח" (פסוק ג).

"און דער דאזיגער מענטש (וואס גייט אויף ערליכע וועגן) – וועט זיין אזוי-ווי א 'בוים' וואס איז אנגעפלאנצט נעבן 'טייכן וואסער, וואס זיין פרוכט גיבט ער אין באשטימטן צייט; און זיינע בלעטער וועלן נישט פארוועלקט (פארטרוקנט); און אלעס וואס ער וועט טוהן, וועט ער מצליח זיין".

דאס איז דער 'אויבנדערמאנטער בוים', וואס אלע זיינע פרוכט און בלעטער, אלעס אלעס, איז זייער מסוגל, ווי אויבנדערמאנט (פרק ב אות ב)!

**קוק גוט! וועסטו טרעפן נאך רמזים:**

"אשרי האיש אשר לא הלך" (פסוק א), "וואויל איז דער מענטש וואס איז נישט געגאנגען" – ווייל אין אנהייב האט ער נישט געקענט גיין (דער 'הינקעדיגער זוהן')!

"לא עמד" (שם), "ער איז נישט געשטאנען (אין די זינדיגע וועגן)" – ווייל נאכדעם האט ער שוין אויך (אפילו נישט געקענט שטיין)!

"ובמושב לצים" (שם), און אין א צוזאמקום פון לצים ("לא ישב" – איז ער נישט געזעצן) – דאס איז די אויבנדערמאנטע 'מושב לצים' וואס מען מאכט דארט 'ליצנות' וכו', ווי אויבנדערמאנט (פרק ה אות ב – ביי די 'שדים')!

"כמץ אשר תדפנו רוח" (פסוק ד), "(נישט אזוי וועט זיין ביי די רשעים) נאר אזוי-ווי די שאלעכטס פון ווייץ, וואס די 'ווינט' בלאזט דאס אוועק" – דאס איז די 'אויבנדערמאנטן ווינט', וואס טראגט אוועק דעם 'פול-שטויב' (פרק ב אות ג – ביי די 'לבנה')!

און דאס אלעס (די דאזיגע אויבנדערמאנטע רמזים אין תהלים קאפיטל א) – זענען נאר סתם 'רמזים' (ווינקען), וואס ער (רבינו ז"ל) האט אונז אביסל ליכטיג געמאכט אונזערע אויגן – אז מיר זאלן אביסל פארשטיין און זיך קלוגן, ווי ווייט דאס דערגרייכט!

אבער דאס איז נאך אלץ פארהוילן מיטן גרעסטן באהעלטעניש – ווייל די אלע 'דאזיגע מעשיות' וואס ער האט דערציילט – זענען זייער זייער הויך פונעם מענטשליכן פארשטאנד, און באהאלטן פון יעדן וואס לעבט.

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ____________

טלפון ____________

עיר ____________

# מבחן בסיפורי מעשיות

## מעשה ג' - מחיגר (3) סוף

**א. מי סיפר למי ש"פעם אחד היה חכם אחד וכו'?**
- ❑ המלך להענן
- ❑ השליח להמלך
- ❑ הענן להשליח

**ב. מה היה הקיסר של המדינה?**
- ❑ חכם
- ❑ חכם גדול
- ❑ אפיקורס גדול

**ג. מה עשה הקיסר את כל המדינה?**
- ❑ לחכמים
- ❑ לחכמים גדולים
- ❑ לאפיקורסים

**ד. להיכן אמר החכם למשפחתו שנפרוש, ולמה?**
- ❑ אל הישוב, כדי שיהיה לנו מה לאכול
- ❑ אל העיר הקרובה, כדי שלא ניהרג כאן
- ❑ אל המדבר, כדי שנשאר בהאמונה בהשי"ת

**ה. איך הגיע החכם להיכן שרצה להגיע?**
- ❑ ע"י שהזכיר שם
- ❑ ע"י ספינה
- ❑ ברגל

**ו. איזה מקום הוטב בעיניו של החכם?**
- ❑ המקום הראשון שהגיע לשם
- ❑ המקום השני שהגיע לשם
- ❑ המקום השלישי שהגיע לשם

**ז. מה עשה החכם כדי שלא יוכלו להתקרב אליהם?**
- ❑ בנה חומה גבוהה
- ❑ עשה עגול סביבותם
- ❑ נכנס לתוך מבצר גדול

**ח. מה היה קורה אם אותו האילן נשקה?**
- ❑ לא היה נשאר מהשדים כלום
- ❑ היו השדים משתגעין
- ❑ היו השדים מקבלין כח

**ט. למה עומדים השדים יום ולילה וחופרין סביב האילן, כיון שחופרין פעם אחת למנוע המים יספיק?**
- ❑ כי המדברים עושים מחלוקות בין המלכים ונעשה מלחמה ועי"ז יוכל לבוא מים לאילן
- ❑ כי המדברים עושים מחלוקות בין המלכים ונעשה מלחמה ועי"ז נעשה רעידת אדמה ועי"ז יוכל לבוא מים לאילן
- ❑ כי מגיע כל הזמן מים לאילן מהנחל

**י. למה מנסה המלך של השדים לעקור את האילן לגמרי?**
- ❑ כי אם לא היה האילן היה טוב לשדים מאוד
- ❑ כי עם האילן הזה יכול לבנות הרבה דברים
- ❑ כי רצה לעשות שם דרך כבושה

**יא. למה לא מצליח המלך לעקור את האילן?**
- ❑ כי האילן הוא חזק מאוד
- ❑ כי לקחו ממנו הכח
- ❑ כי כשבא לאילן אזי האילן צועק מאוד ונופל עליו פחד וחוזר לאחוריו

**יב. האם המלך הצליח להיכנס לתוך העיגול של החכם?**
- ❑ עשה כישוף ועי"ז נכנס לשם ועוד אחד עמו
- ❑ לא נכנס לשם כלל
- ❑ החכם פתח לו פתח שייכנס הוא ועוד אחד

**יג. מה עשה המלך של השדים, כדי להראות את כוחו?**
- ❑ נעשה ענן
- ❑ הוציא חרב גדולה
- ❑ נעשה גדול מאוד עד השמים

**יד. מה עשה החכם?**
- ❑ הוציא את המלך מהעיגול והניח אותו
- ❑ פחד מאוד ונכנע
- ❑ התפלל קצת, ונעשה עב וענן ורעמים ונהרגו שרי המלוכה

**טו. מה ענה המלך של השדים לחכם?**
- ❑ שילך ממקומו מהר
- ❑ שהוא לא מפחד ממה שעשה החכם
- ❑ שאתן לך ספר מכל המשפחות של שדים, והבטיח לו שלא יזיקו את כל משפחתו לעולם

**טז. מה צוה החכם לבניו לפני מותו?**
- ❑ שבעת הצורך ישתמשו בספר של השדים
- ❑ שאני מניח לכם הספר הזה, ואל תשתמשו בו, רק יהיה לכם אמונה בהשם יתברך
- ❑ שישרפו את הספר של השדים

**יז. מה עשה הנכד של החכם כשפתו אותו להשתמש בספר של השדים?**
- ❑ לא שם לבו להם
- ❑ הלך והשתמש בספר
- ❑ נסע לקבר של זקנו ושאל אותו מה לעשות

**וְלֹא נִשְׁאַר מֵהֶם כְּלָל, וְנַעֲשׂוּ כְּלֹא הָיוּ - בְּהַצְלָחָה גְּדוֹלָה**

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכוונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 1532651961**1** או ל: L3233287@gmail.com

בס"ד



נאמען ___________________

טעלפון ___________________

שטאט ___________________

# דעם רבינ'ס מעשיות

# בחינה אויף סיפורי מעשיות

## די דריטע מעשה - דער הינקעדיגער (3) (סוף)

**א. ווער דערציילט די מעשה פון דעם חכם - זקן ? פאר וועמען?**
- ☐ דער מלך צו דער וואלקן
- ☐ דער שליח צו דעם מלך
- ☐ דער וואלקן צו דעם שליח

**ב. וואס איז געווען דער קיסר?**
- ☐ א חכם
- ☐ א גרויסער חכם
- ☐ א גרויסער אפיקורס

**ג. וואס האט ער געמאכט די גאנצע מדינה?**
- ☐ פאר חכמים
- ☐ פאר גרויסע חכמים
- ☐ פאר אפיקורסים

**ד. צו וואו, וויל זיך דער חכם אוועקלאזן? און פארוואס?**
- ☐ אין א אנדערע שטאט, צו האבן וואס צו עסן
- ☐ אין א אנדערע שטאט, נישט צו ווערן גע'הרג'עט
- ☐ אין מדבר, כדי צו בלייבן ביי אונזער אמונה

**ה. וויאזוי איז דער חכם דארט אנגעקומען?**
- ☐ דורך א שם
- ☐ מיט א שיף
- ☐ ער איז געגאנגען צופיס

**ו. די וויפילטע פלאץ איז אים געפעלן?**
- ☐ די ערשטע
- ☐ די צווייטע
- ☐ די דריטע

**ז. וואס האט דער חכם געמאכט אז מ'זאל נישט קענען צוטרעטן צו זיי?**
- ☐ א גרויסער מויער
- ☐ א עגול ארום זיי
- ☐ ער איז אריין אין א פאלאץ

**ח. וואס וואלט געשען ווען מ'טרונקט אן דעם בוים?**
- ☐ וואלט פון די שדים גארנישט געבליבן
- ☐ וואלטן די שדים משוגע געווארן
- ☐ וואלטן די שדים באקומען כח

**ט. פארוואס איז נישט גענוג אז מ'גראבט איין מאל ארום דעם בוים?**
- ☐ ווייל די רעדערס מאכן קריג צווישן מלכים, ווערט מלחמות, קען צוקומען וואסער צו דעם בוים
- ☐ ווייל די רעדערס מאכן קריג צווישן מלכים, ווערט מלחמות, ווערט ערד ציטערנישן, פאלט די ערד ארום דעם גראבן, קען צוקומען וואסער צו דעם בוים
- ☐ ווייל ס'קומט א גאנצן צייט וואסער פון טייך

**י. פארוואס פרובירט דער מלך פון די שדים צו אויסרייסן דעם בוים?**
- ☐ ווייל אויב וואלט דער בוים נישט געווען, וואלט געווען זייער גוט פאר די שדים
- ☐ ווייל מיט דער בוים קען ער בויען אסאך זאכן
- ☐ ווייל ער וויל דארטן מאכן א וועג

**יא. פארוואס איז ער נישט מצליח צו אויסרייסן דעם בוים?**
- ☐ ווייל ס'איז זייער א שטארקער בוים
- ☐ ווייל מ'נעמט אים צו די כח
- ☐ ווייל די בוים געבעט א געשריי פאלט אויף אים א גרויסע פחד

**יב. האט דער מלך געקענט אריין גיין צום זקן [חכם]?**
- ☐ יא! דורך כישוף
- ☐ ניין! ער איז בכלל נישט אריין
- ☐ דער חכם האט אים געעפנט א טירל

**יג. וואס האט דער מלך געטון צו ווייזן זיין כח?**
- ☐ ער איז געווארן א וואלקן
- ☐ ער האט ארויס גענומען א גרויסע שווערד
- ☐ ער איז געווארן זייער גרויס ביז אין די הימל

**יד. וואס האט דער חכם געטון?**
- ☐ ער האט ארויס געטראגן דעם מלך פון דעם עיגול
- ☐ ער האט זייער מורא געהאט און זיך מכניע געווען
- ☐ ער האט אביסל מתפלל געווען זענען גע'הרג'עט געווארן די שרי מלוכה

**טו. וואס האט דער מלך געזאגט פאר דעם זקן ?**
- ☐ ער זאל אוועק גיין פון דעם פלאץ
- ☐ אז ער האט נישט מורא
- ☐ ער האט אים צוגעזאגט אז זיי וועלן קיינמאל נישט מזיק זיין, זיין גאנצע משפחה

**טז. וואס האט דער זקן געזאגט ביי די צוואה ?**
- ☐ אז אויב ס'פעלט אויס קען מען נוצן בקדושה די ספר פון די משפחות פון די שדים
- ☐ אז מ'זאל נישט נוצן מיט דעם ספר, נאר האבן אמונה אין השי"ת
- ☐ אז מ'זאל פארברענען דעם ספר

**יז. וואס האט דער איניקל געטון ווען די מדברים האבן אים צוגערעדט צו נוצן דעם ספר?**
- ☐ ער האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט
- ☐ ער האט זיך גענוצט מיט דעם ספר
- ☐ ער איז געפארן צו זיין זיידנס קבר און אים געפרעגט וואס צו טון

**אִיז פוּן זֵיי גָארנִישְׁט גִיבְּלִיבְּעֶן. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיוָוארִין גָארנִישְׁט. אָמֵן. - מיט פיל הצלחה**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5-3333-72 - ארה"ב 646-518-1095

בעזרת השי"ת

# חברים יקרים!

## ליום הולדת הראשון של הגליונות הנפלאים המלאים מאמרים שיחות וסיפורים מרבינו הנגמ"ח ותלמידיו הק' הנקראים על שם הצדיק

# "דעם רבינ'ס ליכט" ~ "דעם רבינ'ס מעשיות"



אנו יודעים כמה חשוב ונצרך להעביר לילדינו ולדורות הבאים אחרינו לדעת את דעת רבינו הק' - כמו שאמר רבינו גם **לבניכם** תודיעו את כל התורות והשיחות הנפלאות והנוראות והמעשיות וכיוצא בהם אשר גלה לנו ואמר אז זה הפסוק בהתלהבות גדול כגחלי אש. "והודעתם לבניך ולבני בניך"




טעלעפאן ליין, ווי הונדערטער קינדער זענען איינגעשריבן, א גרויסע צאל פון זיי האלטן מיט יעדע וואך די בחינות און גייען מיט די הייליגע לשונות פון רבי'נס מעשיות אין זייער טאג-טעגליכע לעבן.

**דעם רבינ'ס מעשיות**

מאות גליונות מודפסים בעז"ה מדי שבוע עם מבחנים על הספר הק' ספורי מעשיות של רבינו הק' - כדי שמאות ילדים יוכלו להיבחן מדי שבוע על הספר הק' זה.



כרטיסים מיוחדים עם תמונות נפלאות על מאמרים ושיחות של רבינו הק' מוגשים ומומחשים לצעירי הצאן, הכרטיסים יודפסו שוב בעז"ה ויחולק בת"ת ובבתי מדרש של אנ"ש, כדי שילדינו ילכו עם התורות והשיחות בכל עת.

**דעם רבינ'ס ליכט**




ווערט געשריבן; איבערגעקוקט; ניקוד; דעזיינט; געדריקט דורך עטליכע אינגעלייט מאנ"ש וועלכע געבן אוועק זייערע טייערע צייט וואך איין וואך אויס, להפיץ דעת רבינו בעולם.

פעם אחת אמר רבינו:

**אצל מי שאני לוקח ומקבל ממון וכיוצא, אני נותן לו. כי בזה שאני מקבל אני נותן.**

ר' נתן אמר לפני פטירתו:

**יפוצו מעינותיך חוצה, תהי' חזקים בממון, ברצון ובטרחה.**



**חברים יקרים!**

**כדי שנוכל להמשיך מפעל קד' זה, אנו חייבים את עזרתכם - כדי שנוכל לכסות את החובות וגם נוכל להמשיך להדפיס ולהפיץ את דעת רבינו הק' לילדינו היקרים, אנא השתתפו בעין יפה עבור מגבית קדוש זה ותתברכו בכל הברכות ובכל הישועות:**

**תתקשר: #8 02-5-3333-72**

**לתרום בנדרים פלוס: "דעם רבינ'ס ווינקל"**